שנה ג'
נומער קי"ד
**פרשת תצוה**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



**שיחה פון דער ראש ישיבה:**
ווארט איין מינוט, איך רעד יעצט צום אייבערשטן

**א מעשה פון א צדיק:**
ווער איז דא געווען און אנגעהייצט דעם אויוון?

**נייעס:**
ארויס פון דריק מגילת אסתר מיטן פירוש פון מוהרא"ש

## מוהרא"ש זי"ע באטראכט מיט הנאה א נייע ספר ארויס פון דריק

בײ א ברית
ד' כי תשא
תשע"ב



הרב יעקב לעסער שליט"א לערנט דעם דף גמרא מיט די כיתה ט' קינדער אין שטעטל

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע

**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM

## זמנים Liberty

פרשת תצוה י"א אדר-א' תשפ"ב

הדלקת הנרות..........05:08
מוצאי שבת...........06:40
מנחה מעריב תשא... 06:25

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 11 | 37°/27° | Mostly Cloudy | |
| Sat 12 | 38°/15° | Mostly Cloudy | |
| Sun 13 | 24°/5° | Mostly Cloudy | |
| Mon 14 | 25°/6° | Partly Cloudy | |
| Tue 15 | 26°/13° | Partly Cloudy | |
| Wed 16 | 35°/24° | Mostly Cloudy | |
| Thu 17 | 37°/22° | Snow Showers | |
| Fri 18 | 33°/19° | Snow Showers | |

## מזל טוב!

מיט טוען וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**
**וזוגתו עלקא תחי'**

**צו די בר מצוה פון ישעי' נ"י למזל טוב**

ר' אברהם משה וזוגתו איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות; נאר א דאנק זייער געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין. דער אייבערשטער זאל העלפן די געוואלדיגע זכותים זאלןביישטיין זיי זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, און ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו יענטא רייזל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו מייטא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.




**iSecure Systems**

Your Communication Company

**845-681-0280**

www.isecureny.com


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה אהרן יצחק אפעלדארפער הי"ו**
**וזוגתו דבורה שיינדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה יעקב הלל פאַרקאש הי"ו**
**וזוגתו בלומא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

בס"ד

# פרנס החודש

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד על הברכה ידידנו הנכבד

**מו"ה שבתי דוד מארקוס ה"ו**

**מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן ה"ו**

פאר די רענט פון

## חודש אדר

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך בייסטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

### תשפ"ב

| חודש | | |
|---|---|---|
| תשרי | מו"ה יואל מענדלאוויטש ה"ו | מו"ה יצחק אייזיק (בר"ח) ראטה ה"ו |
| חשון | מו"ה מנחם שטיינבערג ה"ו | מו"ה יצחק אייזיק ראטה ה"ו |
| כסלו | מו"ה אברהם שבתי מזרחי ה"ו | מו"ה אברהם אליהו פרידריך ה"ו |
| טבת | מו"ה לייבי אפפעל ה"ו | מו"ה מרדכי הערצאג ה"ו |
| שבט | מו"ה לייבי ראטה ה"ו | מו"ה אשר דוב אינדארסקי ה"ו |
| אדר | מו"ה שבתי דוד מארקוס ה"ו | מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן ה"ו |

רענט קאמפיין

### תשפ"ב

| חודש | | |
|---|---|---|
| ניסן | מו"ה לוי יצחק זאפיר ה"ו | מו"ה מרדכי אהרן היילפרין ה"ו |
| אייר | מו"ה יעקב שאול פיש ה"ו | מו"ה מנשה איצקאוויטש ה"ו |
| סיון | מו"ה שמעליק בלעדי ה"ו | מו"ה יואל לאנדא ה"ו |
| תמוז | מו"ה שלמה יאקאבאוויטש ה"ו | מו"ה אלכסנדר ראטה ה"ו |
| אב | מו"ה שמשון צבי טייטלבוים ה"ו | מו"ה משה יחיאל פעלדמאן ה"ו |
| אלול | מו"ה משולם פינטער ה"ו | מו"ה אליהו קנאלל ה"ו |

רענט קאמפיין

# שטעטל נייעס

## היימישע בעקעריי אין שטעטל



די שטעטל פארברייטערט זיך אויף א גרויסן פארנעם ברוך השם, אנשי שלומינו ווילן וואוינען אין א שטעטל וואס אלע ווילן נאר תכלית, און מען שעמט זיך נישט צו רעדן אפן פונעם אייבערשטן. יעדע פאר וואכן הערט מען פון נאך א משפחה וואס האט זיך אריין געצויגן בשעה טובה, וואס דאס ברענגט צו דעם אז עס זאל זיין א פלאץ פאר מענטשן צו קענען עפענען א ביזנעס און בעזרת השם פארדינען שיין.

יעצט איז די רעדע פון א פרישע בעקעריי וואס האט זיך געעפענט דורך משפחת ברוין אויף 187 טווין ברידזש, עס ווערט געבאקן פרישע היימישע געבעקסן לכבוד שבת קודש, מען קען אריבער קומען דאנערשטאג א גאנצן טאג, און פרייטאג ביז חצות.

אויך איז דא צו באקומען אלע סארטן דיפס לכבוד שבת קודש. אדרבה איבערצייגט אייך אליין קומט אריבער און קויפט איין לכבוד שבת, נישט פארגעסן צו זאגן לכבוד שבת קודש און מאכן א ערליכע ברכה.

**ברסלב שטיצט ברסלב.**

## פשוטע בר מצוה אין בית המדרש



דעם פארלאפענעם מיטוואך משפטים איז פארגעקומען א הערליכע שמחת בר מצוה אין ישיבה פון הבחור ישעי' נ"י א זון פונעם מנהל ר' אברהם משה שטראססער הי"ו וואס איז אריין לעול התורה והמצות.

דער קלוגער בחור איז פון די תלמידים פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי, וואו מען לייגט אריין אין די קינדער פון יונגווייז אז דער עיקר אין לעבן איז נאר צו געפעלן דעם אייבערשטן אליין, וואס באמת נאר אים קען מען צופרידן שטעלן, מענטשן קען מען סיי ווי נישט צופרידן שטעלן, דערפאר דארפן זיי נישט א בר מצוה וואס ווערט געפראוועט אין א זאל, מיט א קעיטערער, מיט טייערע מיניטשורס און אזוי ווייטער, וואס בסך הכל ווערט מען זיך קענען איינרעדן אז מען ווערט ווערן ארויפגעקוקט ביי די חברים, אבער פון די אנדערע זייט ווערט מען צאפן דאס בלוט פונעם טאטן וואס דארף אויסבלוטיגן מיט שווערע חובות פאר זיין תכשיט'ל, וואס דערמיט איז מען רחמנא לצלן עובר אויפן באפעל פונעם אייבערשטן "כבד את אביך ואת אמיך."

די טייערע קינדער וואס לעבן מיטן אייבערשטן, בעטן זייערע עלטערן אז מען זאל מאכן זייער בר מצוה וואס פשוטער און וואס קלענער, ווייל זיי פרייען זיך נאר מיטן טון דעם אייבערשטנ'ס רצון, און זיי זענען העכסט צופרידן מיטן פראווען א בר מצוה אין בית המדרש, און זיך פרייען מיט דעם וואס זיי ווערן יעצט שוין מחוייב במצוות, און זיי הייבן אן צו לייגן תפילין.

א שיינע ציבור אנשי שלומינו זענען געקומען זיך מיטפרייען מיטן בעל שמחה וואס איז אזוי געטריי און איבערגעגעבן צו די הייליגע מוסדות פון ווען די מוסדות האט זיך געעפענט, און האבן געווינטשן דעם בר מצוה בחור זאל ווייטער שטייגן בתורה ויראת שמים.

דא איז די פלאץ ארויסצוברענגען א גרויסן דאנק פאר משפחת שטראססער, וואס זענען געווען פון די ערשטע וואס האבן זיך אהערגעצויגן אין שטעטל, דעמאלטס ווען מען האט נאכנישט געזעהן אז די שטעטל גייט זיך אזוי שיין אויסברייטערן בלי עין הרע, זיי האבן געוויזן די וועג פאר אנדערע משפחות, דער אייבערשטער זאל זיין באצאלן מיט אלעס גוטס אויף דער וועלט און יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת, אין זכות פון העלפן די מוסדות אלע יארן ביז אהער זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

ברסלב

## ספר אוצר שלום בית איבערגעדרוקט




אין די יעצטיגע טעג האט מען איבערגעדרוקט פון פריש דעם הייליגן ספר "אוצר שלום בית", וואס איז איינע פון די פאפולערסטע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע.

דער ספר איז שוין איבערגעדרוקט געווארן הונדערטער מאל במשך די יארן, און איז שוין פארשפרייט געווארן אין די הונדערטער טויזנטער איבער די גאנצע וועלט, און האט שוין מחזק געווען פילע טויזנטער אידישע קינדער מיט עצות און חיזוק צו טרעפן די גליק ביי זיך אינדרערהיים, און צו וויסן וויאזוי מען קען איבערדרייען די שווערסטע מצב אין שטוב צו א גן עדן אויף דער וועלט.

דער ספר איז א ליקוט פון פופצן הערליכע קונטרסים: - כבוד הבעל - כבוד האשה - שלום בביתך - שלום באהלך - שלום בבית - שלימות הבית, - טוב בבית - חיזוק הבית - נישואין מוצלחים - זוג מאושר - זוג מוצלח - תפסיקו לריב - חיים משותפים - למה להתגרש?! - שלום במשפחה.

ווי באקאנט איז ביים הייליגן רבין געווען "שלום בית" גאר א וויכטיגע יסוד, דער רבי האט געזאגט אז דער סמ"ך מ"ם פארלייגט זיך זייער אויף פארפעלקער און אינגעלייט צו צוברעכן די ליבשאפט, און אזוי ארום זיי פארכאפן אין זייער נעץ. די זעלבע איז פארקערט, ווען עס איז דא ליבשאפט אין שטוב קען מען זיין אן אמת'ער ערליכער איד, און אזוי אויך וואקסן די קינדער אויף געזונט און ערליך.

דער ספר וועט בעזר השם געבן די ריכטיגע הדרכה און עצות וויאזוי צו ערגרייכן שלום אין שטוב, און וועט ערקלערן פארוואס זיך גט'ן איז נישט די עצה, און די ריכטיגע עצות וואס צו טון וויאזוי צוריק צו ברענגען די ריכטיגע אהבה אחוה שלום ורעות צווישן די פארפאלק.

דער ספר און נאך פילע ספרים און קונטרסים איז דא צו באקומען ביים קרן הדפסה היכל הקודש, אזוי אויך קען מען עס קויפן פיר און צוואנציג שעה אופן ברסלב סענטער געשעפט וועבסייט, וואס וועט עס אייך שיקן אין שטוב, איבעראל אין די גאנצע וועלט.

**לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה אלא השלום**

ברסלב

## פרישע בית המדרש היכל הקודש - מקור השמחה אין שטעטל



אין קרית ברסלב ליבערטי גרייט מען זיך אין די טעג צום עפענונג פון נאך א בית המדרש היכל הקודש, וואס ווערט ווערן גערופן "בית המדרש מקור השמחה". אזוי ווי עס האבן זיך איינגעצויגן פרישע משפחות אויף מארקס גאס, האט מען געזעהן די געברויך פון עפענען א בית המדרש פאר די געגנט. ביז דערווייל דאווענט מען אין שטוב פון האברך מנחם שטיינבערג הי"ו, וואס האט אוועק געגעבן זיין דירה פארן בית המדרש, אין די קומענדיגע וואכן וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנהייבן צו דאווענען אינעם בית המדרש וואס איז אינטער די דירה פון האברך רפאל פירסט הי"ו, וואס ר' רפאל איז עס מנדב פארן בית המדרש.

דער אייבערשטער זאל באצאלן פאר ר' מנחם נ"י און ר' רפאל נ"י פארן וועקגעבן זייערע דירות פארן בית המדרש, די זכות איז זיכער גרויס, אלע תורה ותפילה וואס קומט ארויס פון דעם פלאץ וועט ווערן גערעכנט פאר זייער זכות.

א באזונדערע דאנק קומט זיך פאר ר' דוד לאקס הי"ו פארן זיכער מאכן אז אלעס איז על צד היותר טוב, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.



# מעשיות פון תפילה

## לייבי ראטה - קרית ברסלב:

פארגאנגענע וואך דאנערשטאג בין איך אריינגעקומען פון שטעטל קיין וויליאמסבורג צו די וועכנטליכע שיעור התחזקות פאר אינגעלייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אויפן וועג אז איך זאל גרינג טרעפן פארקינג.

ווען איך בין אנגעקומען איז שוין געווען אינמיטן די שיעור, געווענטליך דאנערשטאג אין אזא צייט איז נישט דא קיין פארקינג צוליב די פילע מענטשן וואס קומען צום שיעור, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן פארקינג, און שכח אייבערשטער אז ווי נאר איך קום אן און פארנט פון ישיבה זע איך א ליידיגע פארקינג פונקט אין פארנט פון ישיבה. שכח אייבערשטער.

## רפאל פורסט - קרית ברסלב:

"שכח אייבערשטער" נאך אזוי סאך תפילות וואוין איך שוין אין מיין נייע הויז וואס דאס אליין איז א ריזיגע און לאנגע פארצויגענע מעשה פון תפילה. ווען איך בין אנגעקומען אין שטעטל נישט לאנג צוריק, האב איך נאך אפילו נישט געטראכט אז איך גיי אזוי שנעל קענען האבן א אייגענעם דירה, אבער מיט אסאך תפילות, און דער ראש ישיבה האט מיר געשטיפט איך זאל אריינטאנצן דערין, און נישט זיין קיין בטלן - האב איך ברוך השם זוכה געווען צו דעם.

למעשה האט זיך די קאנסטרוקציע אינעם הויז גענומען לענגער ווי געראכטן צוליב פארשידענע סיבות וואס האט זיך געמאכט, און כסדר האט דער אייבערשטער געמאכט פארשידענע זאכן וואס האט אויפגעהאלטן פון זיך אריינציען, ווייל ער האט געוואלט איך זאל אים בעטן נאך און נאך, ביז די הויז איז שוין ענדליך פארטיג געווארן.

איין זאך האט אויפגעהאלטן; כדי זיך צו קענען אריינציען אין א נייע הויז דארף זיין וואסער, אבער צוליב די קאלטע ווינטער טעג איז נאכנישט דא קיין וואסער קוואל, איך האב שוין זייער געוואלט זיך אריין ציען, איך האב גאר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל יא זיין וואסער אויף עפעס א וועג. שכח אייבערשטער אז דער בויער האט געברענגט א וואסער טאנק ביז ווי לאנג די וואסער וועט קענען אנהייבן ארבעטן און מען האט מיר נישט געבעטן פאר דעם מער געלט.

שכח אייבערשטער.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים עיה"ק:

פארגאנגענע וואך דאנערשטאג האט מיין חבר חתונה געהאט אין א זאל אין א שטילע געגנט אינדרויסן פון ירושלים. אנקומענדיג אהיים שפעט ביינאכט האב איך זיך געכאפט אז מיין מאנטל מיט א שאל העגטשקעס מיט די משניות וואס איז געווען אין מיין מאנטל טאש איז דארט איבערגעבליבן, איך האב עס פשוט פארגעסן אינעם זאל וואס געפונט זיך אין א פרייע געגנט פול מיט גנבים און אראבער.

איך האב זיך נישט פארלוירן נאר זיך דערמאנט פון די הייליגע עצה 'תפילה' וואס דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז כסדר, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט פארשוואונדן ווערן דארט.

גלייך צופרי האב איך אנגערופן דעם זאל פרעגן אויב זיי האבן באמערקט מיין מאנטל, אבער זיי האבן נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן... שבת איז אדורך קאלטערהייט אן קיין מאנטל, אבער ווארעמערהייט זיך מחזק זיין מיט אמונה און תפילה. ביי שלוש סעודות אין שול האב איך פארציילט פאר יעדעם די מעשה פון תפילה אז מיין מאנטל האט זיך פארלוירן און איך האב מתפלל געווען און אז איך בין זיכער אז אט גיי איך עס טרעפן.

זונטאג האב איך נאכאמאל געורופן די זאל אבער זיי האבן געט'ענה'ט אז עס איז נישט דא דארט קיין שום פארגעסענע מאנטל. האב איך אנגעפאנגען דאנקען און לויבן דעם באשעפער, כאטש איך זעה נאכנישט אז איך גיי עס צוריק באקומען.

אזוי אינמיטן דאנקען קלינגט מיר מיין חבר אז דאס מאנטל געפינט זיך ביי א היימישער איד אין בית שמש וואס האט עס געטראפן, און איך קען עס שוין קומען אפנעמען. ש'כח אייבערשטער!!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פוּנעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר;** אִיךְ הָאףְ אַז דוּ לֶעבְּסְט נָאךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי אַמָאל, גְעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז טְלִיעֶט נָאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס פֵייעֶר'ל; **אִין יְשִׁיבָה אִיז דָא וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.**

דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת בָּרוּךְ ה'; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ צֶעטְל אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן שֵׁמוֹת עֶר זָאל עֶס טְרָאגְן צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים - רֶבִּי יוֹשֶׁעַ מְזוּרִין (סִימָן תקפט); דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִפְטָר וֶוערְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל מִיט שֵׁמוֹת עֶר זָאל זִיךְ דָאס אַיינְחַזֶר'ן, וֶועט אִים דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוֹיבְן אִין הִימְל וְכוּ'. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ גוּט אַיינְחַזֶר'ן דִי שֵׁמוֹת כְּדֵי אִיךְ זָאל דָאס וִויסְן פַאר מִיר, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ מַיין פְּטִירָה', אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעחַזֶר'ט דִי שֵׁמוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר פְּלוּצְלִינְג אַלֶעס פַארְגֶעסְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת דֶערְפוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"דוּ דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי מִיר"**.

מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן **לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן רֶבִּי'ן** אוּן עוֹסֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת פַאר יֶענֶע וֶועלְט, מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען יֶעצְט צוּגֶעבִּינְדְן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצב) אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: **"ווִילְסְטוּ אָבֶּער וֶועלְן?"** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיין וִוילְן; וַוייל אַז מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען וִויל, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם וִוילְן וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶס אִיז גֶעוֶוען וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם רֶבִּי'ן; מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם וִוילְן. אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג, וָואכְן אוּן יָארְן אוּן מֶען אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער וֶועלְן אוּן וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן, מֶען זָאל וַוייטֶער זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר"**.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם; עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ אוּן זַיין וִוילְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## אויסניצן די וועגן

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט זייענדיג אין שטעטל קרית ברסלב ליבערטי: ווי קען מען זיך אפרעדן 'עס איז צו א ווייטע וועג פון מיין הויז צום בית המדרש'? ווי איז בכלל שייך אנצורופן א וועג אז דאס איז ווייט? עס איז אלץ דא וואס צו טון אויפ'ן וועג, אויב גייט מען אליינס - דאן איז דער וועג א גוטע צייט צו שמועסן מיט'ן אייבערשטן, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, דאנקען אויף די גוטע זאכן וואס מען האט און בעטן אויף ווייטער; אויב גייט מען מיט א חבר - דאן איז דער וועג א גוטע צייט צו שמועסן אויף 'שיחות חברים', שמועסן פון די עצות וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי'ן, זיך מחזק זיין אין אמונת חכמים; אויב גייט מען מיט קינדער - דאן איז דער וועג א גוטע צייט צו פארברענגען מיט די קינדער; רוב אינגעלייט זענען במשך די וואך פארנומען מיט זייער פרנסה וכו', עס בלייבט זיי איבער ווייניג צייט צו פארברענגען מיט די קינדער, איז שבת גייענדיג צום בית המדרש א גוטע צייט עס אויסצוניצן פאר דעם, צו שמועסן מיט די קינדער.

אויך איז גוט בשעת'ן גיין מיט די קינדער - צו רעדן צום אייבערשטן אויפ'ן קול כדי די קינדער זאלן עס הערן און דורכדעם וועלן זיי זיך אויסלערנען רעדן צום אייבערשטן; עס איז זייער א גוטע זאך אז קינדער זאלן הערן דער טאטע רעדט צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פון רבי אברהם בן רבי נחמן זכר צדיק לברכה, וואס האט געזאגט: וויאזוי האב איך זיך אויסגעלערנט רעדן צום אייבערשטן? אלס קינד פלעג איך זען מיין טאטע רבי נחמן טולטשינער זכר צדיק לברכה זיצן מיט פארמאכטע אויגן רעדנדיג צום אייבערשטן, ווען איך האב אים געוואלט עפעס פרעגן האט ער מיר געענטפערט: "ווארט איין מינוט, איך רעד יעצט צום אייבערשטן, באלד וועל איך דיר ענטפערן", אזוי איז דאס אריין אין מיינע ביינער.




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**שְׁאֵלָה**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים, מַיין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַאַרְבֶּעסֶערְט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּרִיק צָאלְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים. יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אַדַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ דָאס **פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן** - זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן פַאר'ן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּנְז אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפ'ט, אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אוֹיךְ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְ'ן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; **וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן?** אַז מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן, מִיר קֶענֶען נָאר אֵיין זַאךְ טוּן: **"וַוייטֶער גֵיין אִין דִי וֶועגְן, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אַנְדֶערֶע".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



## א מעשה פון הפצה

**א מפיץ אין קרית יואל:**

ביין מיין שכן הערט מען נעבעך ארויס קולות וברקים רחמנא לצלן, מען שרייט איינער אויפן צווייטן, די קינדער זענען דערשראקענע דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

איך האב פרובירט צו געבן א קונטרס פאר דעם אינגערמאן אבער ער וויל בשום אופן נישט נעמען ברסלב'ע זאכן, למעשה האב איך פרובירט אפאר וואכן שפעטער נאכאמאל, אפשר יעצט וועט ער וועלן נעמען פון מיר, אבער ניין! ער וויל נישט אנרירן קיין ברסלב'ע זאכן.

ביז איך נעם ארויס דעם קרית ברסלב בלעטל און איך געב אים עס אהין, און איך זאג אים "אפשר ווילסטו זעהן אביסל אינטערסאנטע בילדער", אה בילדער פארוואס נישט, ער נעמט דאס איבער פון מיר און פארמאכט דעם טיר.

צוביסליך האט זיך זיין התנהגות אינגאנצן געטוישט, מען הערט שוין נישט ארויס פון דעם דירה קיין קולות, די גאנצע שטוב האט אויפגעלעבט א דאנק דעם בלעטל וואס איך האב אים געגעבן.

מען קען קיינמאל נישט וויסן וויאזוי מען קען ראטעווען א איד, יעדעם כאפט עפעס אנדערש, מען דארף פרובירן פון אלע וועגן.

**וואס איין בלעטל טוט אויף.**

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## הדפסה קאטאלאג

קרן הדפסה היכל הקודש שלאפט נישט, יעדן טאג זוכט מען נאך וועגן וויאזוי מען קען אריינברענגען אין די גאנצע וועלט די זיסע לעכטיגע שיינע עצות פונעם הייליג׳ן רבי׳ן.

אין די לעצטערע וואכן איז מען אויפגעקומען מיט גאר א פראקטישע וועג וויאזוי מען וועט קענען גרינגער מאכן פאר אלע מפיצים וואס קויפן שטענדיג ספרים און קונטרסים און דאס גלייכן. די מפיצים פלעגן נישט וויסן ביז היינט וואס מען קען אלץ קויפן אין בית הדפוס, וועלכע ספר, קונטרס, אדער סידי איז יא אדער נישט דא צו באקומען, עס איז דאך דא א וועלט פון קונטרסים און ספרים וואס מוהרא״ש האט אונז איבערגעלאזט בירושה. כדי צו פארגרינגערן פאר די מפיצים האט די בית הדפוס אנגעהויבן ארבעטן צו אהערגעשטעלט א שיינע מסודר׳דיגע קאטאלאג, וואס וועט ענטהאלטן אין זיך מיט א קלארקייט יעדע קונטרס און ספר וואס מען קען קויפן אין בית הדפוס, וואס דאס וועט גאר שטארק פארגרינגערן דאס קויפן אויף א וועג וואס איז נאכנישט געווען ביז היינט.

אין בית הדפוס ווערט פארקויפט קונטרסים אויף גאר אסאך שפראכן וואס נישט אלע ווייסן; אידיש, ענגליש, רוסיש, פראנצויזיש, ספאניש און נאך, דאס אלעס וועט שטיין שיין ארויסגעשריבן אינעם קאטאלאג, אויך וועט יעדע קונטרס, ספר, און סידי האבן אונטער דעם א פרייז וויפיל דאס קאסט, מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט דאס פיל מער פארגרינגערן פאר אלע חשובע מפיצים.

אין די זעלבע צייט ארבעט מען שווער צו קענען דרוקן מער און מער קונטרסים פון מוהרא״ש, מען שאפט יעדן קונטרס, און מען דרוקט דאס איבער אויף א שענערן פארנעם פון ביז היינט, מען שטעלט אויס דעם קונטרס און מען פאסט דאס צו מיט א שיינעם דעקל.

בשם השם נעשה ונצליח

# בילדער פון קרן הדפסה



מגילת אסתר מיטן פירוש גנזי המלך ארויס פון דרוק



קונטרסים אויף אלע שפראכן ארויס פון דרוק



ביים דרוקן קונטרסים אין בית הדפוס אין ישיבה אפאר יאר צוריק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **העניך אינדיג**<br>קרית ברסלב | **זושא גרין**<br>בארא פארק | **יצחק אפעלבוים**<br>לעיקוואד |
| **הרוצה בעולם שמו**<br>וויליאמסבורג | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל | **יודא ליבערמאן**<br>טאמס ריווער |
| **לייבי אפפעל**<br>קרית ברסלב | **משה שטערן**<br>אנטווערפן | **אברהם חיים קלאגסברוין**<br>מאנסי |
| **אליעזר זוסיא ווערטיימער**<br>לינדען | **שכנא גפן**<br>מאנסי | **משולם פייש פעלבערבוים**<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **518.966.2370**

# א מעשה
## פון א צדיק



### אַ צַדִיקְ'ס הַנְהָגָה

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל אַז עֶר מוּז בַּאדִינֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים אַנְטְפְּלֶעקְן וֶוער דֶער תַּלְמוּד חָכָם אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִים פוּן הִימְל מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז אִין בְּרָאד אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל פוּן בְּרָאד אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן חַכַם צְבִי - אִים דַארְף עֶר בַּאדִינֶען, אוֹיךְ דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין הָרַב הַקָדוֹשׁ בַּעַל תְּבוּאוֹת שׁוֹר, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. [אֵיין נוּסַח אִיז אַז נָאר דֶעם רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל זצוק"ל דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין], דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְגֶעדַארְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּלוּט אִין זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג קַאלְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ אִין חוֹדֶשׁ תַּמוּז וָואס אִיז זֵייעֶר הֵייס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט אַ פֶּעלְץ אוּן מִיט אַ דָאכֶענֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ קוּמְט אַרַיין צוּ אִים, פְרֶעגְט עֶר דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "וָואס ווִיל אַ אִיד?" [עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ] עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "אִיךְ ווִיל מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם!" זָאגְט עֶר אִים: דֶעמָאלְטְס הֵייץ מִיר אָן דֶעם אוֹיוְון ווַייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט הָאלְץ אוּן אָנְגֶעהֵייצְט, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק הֵייס, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם פֶּעלְץ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע. רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם שְׁטַארְקְן הִיץ, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, "וֶוער אִיז דָא גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיוְון?!" עֶס קָאסְט דָאךְ מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, דֶעם אוֹיוְון דַארְף מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף ווִינְטֶער, ווַייל זוּמֶער אִיז גֶענוּג דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיטְן טִילוּפּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, ווַייל ווִינְטֶער אֲפִילוּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע וֶועט נָאךְ אוֹיכֶעט קַאלְט זַיין. אוּן זִי נֶעמְט אוֹיךְ אָנְשְׁרַייעֶן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי אֶפְרָיִם צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "הָאבּ נִישְׁט קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת", אוּן זָאגְט אִים מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין הִימְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַז מֶען ווִיל דַן זַיין אֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערְן ווַייבּ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע זְכוּתִים פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאט גֶעדוּלְד, כָאטְשִׁיג זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, אוּן דָאס אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען. מֶען הָאט אִים גֶעפַּסְקֶ'נְט אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן אַ מַלְאָךְ אוּן שְׁרֵייט, דָאס אִיז אַ לִימוּד זְכוּת? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע לִימוּד זְכוּתִים זֶענֶען גֶערֶעכְט, זָאל נָאר דֶער מַלְאָךְ אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטְן אוּן הָאבְּן אַ ווַייבּ, אוּן לָאמִיר זֶעהְן דֶעמָאלְטְס ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן!"

דֶער מַלְאָךְ אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין אַ גוּף, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן, [יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר אִיז] אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט "גֶטְ'ן ווִילְסְטוּ זִיךְ?! זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד וָואס הָאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ." דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס רֶבִּי אֶפְרָיִם רֶעדְט צוּ אִים. דֶעם סִיפּוּר הָאט דֶעמָאלְטְס רֶבִּי אֶפְרָיִם דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, אוּן אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. דָאס לֶערְנְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק אוּן זֶעהְן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אוֹיךְ בַּיי גַשְׁמִיוּת.

(קונטרס "א סוף צו מחלוקת")



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 21

פארזעצונג פון פריער:

דִינְסְטָאג - כ"ט תִּשְׁרֵי פַארְנַאכְטְס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה.

...

צוּמָארְגְנְס, דָאנֶערְשְׁטָאג, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן אִים צוּ לַאדֶענֶען אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת נֹחַ, אַז עֶר זָאל קוּמֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ בַּיי רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אַז עֶר זָאל אִים בֶּענְטְשְׁן, דֶער צַדִיק אִיז אָבֶּער צוּרִיק גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פִיר אֵיילְן מִיט אַ גְרוֹיסֶער צִיטֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אָבֶּער מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְכַאפְּן וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶּער בַּיים סוֹף הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר פִּירְט אוֹיס, "וִוי אַזוֹי זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע?!", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בֶּענְטְשְׁן דֶעם רֶבִּי'ן. אָבֶּער דֶעם רֶבִּי'ן בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, הָאט עֶר יָא גְלַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוען עֶר אַיינְגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ.

בַּיי דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דֶער צַדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אַלֵיין גֶעזָאגְט תּוֹרָה.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מִיטָאג סְעוּדָה וֶוען עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן תּוֹרָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן דַאן הָאט עֶר אַלֵיין גֶעזָאגְט תּוֹרָה. אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט זִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט וֶוען דֶער צַדִיק הָאט וִוידֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה.

דֶער סֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זָאגְן תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת, מְ'הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט נָאר אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ".

דֶער רֶבִּי הָאט גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין תּוֹרָה, זָאגְנְדִיג אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט. [דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶּער שְׁלֵימוּת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע"].

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִינְאֵיינֶעם אִינֶעם רֶבִּי'נְס צִימֶער.

נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי אִיז דֶער רֶבִּי פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ פִּדְיוֹן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז דֶער צַדִיק גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה אוּן לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן זֵיי.

דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵוייל‌ְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָּה. יֶעדְן טָאג הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטָאלְצִירְט מִיט דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער חִילוּק פוּן זַיינֶע תּוֹרוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ אוּן דִי תּוֹרוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז מַמָּשׁ כִּרְחוֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב.

יֶעדְן טָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ אִים גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת.



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## מלוה מלכה משפטים תשפ"ב

מוצאי שבת פרשת משפטים האב איך געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע מלוה מלכה ביים ראש ישיבה שליט"א, איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן אפאר שיינע שיחות און שמועסן וואס איך האב זוכה געווען צו הערן.

ביים מלוה מלכה האט זיך באטייליגט א אינגערמאן וואס זיין ווייב האט זיך נאררואס אנגעטון א טיכל, און דער ראש ישיבה האט א גאנצן צייט ארומגערעדט ווי פרייליך ער איז אז מער און מער פרויען טוען זיך אן א טיכל.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער האט אמאל געפרעגט מוהרא"ש זי"ע אין שאלות ותשובות ברסלב אויב דער הייליגע רבי'ס רעבעצין 'סאשע' איז געגאנגען מיט א שייטל אדער מיט א טיכל? האט מוהרא"ש אים געענטפערט אז ס'שטייט גארנישט וועגן דעם, אבער ס'איז זיכער אז זי איז געגאנגען מיט א טיכל, ס'איז נישט דא קיין ספק אין דעם.

"אבער איך זאג נישט פאר קיינעם וואס צו טון. פרוביר מיך צו פרעגן עפעס, איך וועל מיך אלץ ארויסדרייען. איך זאג אלץ וואס יענער וויל הערן, איך זאג וואס יענער גייט סיי ווי טון. אזוי בלייב איך גוט מיט יענעם."

"אבער איך האב אלץ געוואלט זאגן פאר דעם אינגערמאן אז ער זאל זאגן פאר זיין ווייב זאל זיך אנטון א טיכל, און ווען ער איז מיך געקומען זאגן אז ער האט געהאט זיין ערשטע קינד, האב איך אים געגעבן א זאג, נא, זאג פאר דיין ווייב זאל זיך אנטון א טיכל. נאכדעם האב איך שוין חרטה געהאט פארוואס איך האב עס געדארפט זאגן, אבער ברוך השם יעצט זע איך זי האט אנגעטון א טיכל." אזוי ווי זי איז א טיטשער אין בית פיגא און זי וועט זיך ארומדרייען אין סקול מיט א שיינע געבינדענע טיכל וועלן אלע מיידלעך זאגן "מיר ווילן זיין צניעות'דיג." דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען דארף גארנישט זאגן, מען דארף נישט רעדן פון דעם, עס געשעט אליין. ווייל אז מען זעט אז צניעות איז שיין וויל מען עס נאכמאכן."

דער ראש ישיבה האט פארציילט: א אינגערמאן איז צוגעקומען צו אים ליל שישי נאך די אינגעלייט שיעור פרעגן וואס ער קען טון, אז זיין טאכטער איז דריי יאר, זי לערנט אין א מוסד אין בארא פארק, און די סקול פארלאנגט טייט"ס און א קלייד, אבער זיין ווייב זאגט אז אינדערהיים און אין אלע צייטן וואס מען גייט נישט אין סקול וויל זי איר אנטון קורצע ערמל און קורצע שטרימפ, זי זאגט "איך וויל נישט מיין קינד זאל זיין יאנטשי."

האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט אז ער דארף זיך נישט גיין קריגן מיט זיין ווייב, אבער ער זאל זאגן פאר זיין ווייב אז אויב זי וועט דאס אנרופן יאנטשי' וועלן די קינדער ביי די פופצן יאר אויך נישט וועלן גיין מיט דעם.

פארוואס איז טייט"ס יאנטשי? האט דער ראש ישיבה געפרעגט; פארוואס טראכסטו אז א קורצע קלייד איז די זאך, און נאר אז מען האט נישט קיין ברירה גייט מען ביז די קניען? פארוואס קוקסטו עס נישט אן אז צניעות'דיג איז אנגעטון, צניעות'דיג איז שיין! אויב די מאמע האלט אז צניעות איז יאנטשי, וואקסן די קינדער אויף מיט דעם אז מען האט נישט קיין ברירה, מיר זענען אידן און מען דארף אזוי גיין אנגעטון. אפילו מען זאגט עס נישט, גייען די קינדער עס סיי ווי אויפכאפן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך בעט זייער די פרויען וואס גייען אנגעטון צניעות'דיג, זאלן גיין אנגעטון שיין, אויסנאם שיין. זי מוז זיך אנטון ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיד.) "ואמר

<<<<

חייא בר אבא אמר ר' יוחנן כל תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה," א תלמיד חכם וואס גייט אנגעטון שמוציג איז חייב מיתה. ווייל עס איז א חילל השם און מענטשן וועלן נישט וועלן אויסקוקן ווי אים. דער ראש ישיבה האט פארציילט, א בחור האט אים געזאגט אז ער האט זיך אלץ געעקלט פון זיינע מגיד שיעורים, ווי אזוי זיי גייען אנגעטון שמוציג און עס גייט א געריך פון זיי, אבער דא האט ער געזען דער ראש ישיבה גייט אנגעטון שיין - נישט שמוציג, האט ער געטראכט אז ער וועט יא אננעמען וואס מען זאגט דא.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ברבים קען איך נישט רעדן וועגן א טיכל, ווייל מען דארף קודם רעדן וועגן זיך אפשערן די האר." דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט וועגן די הארבקייט פון אייגענע האר.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: ווען ליובאוויטש'ער רבי איז געקומען קיין אמעריקע האט ער געזען די חורבן אז אלע גייען מיט אפענע האר, האט ער געזאגט אז ווער ס'גייט גיין מיט א שייטל גייט ער קומען צו די חתונה, כדי אריינצוברענגען אז מען זאל כאטש צודעקן די האר. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "צדיקים האבן געזאגט אז דאס האלט אפ די גאולה."

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף איינער פון די בחורים וואס האבן דארט געגעסן, אז זיין באבע האט נישט געהאט קיין קינדער, און דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע האט איר געזאגט אז אויב זי וועט זיך אפשערן די האר וועט זי האבן קינדער, זי האט זיך טאקע אפגעשוירן און דערנאך זוכה געווען צו קינדער.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט וועגן די שיינקייט פון זיך אפשערן די האר און פארציילט אז ס'איז געווען א פרוי, נעבעך, וואס האט געהאלטן א דרשה פון "התחזקות" פאר פרויען. האט זי געזאגט "די אלע פרויען וואס שערן זיך די האר, ווען משיח וועט קומען וועלן זיי האבן שיינע הערליכע האר, א שכר פארן זיך אפשערן."

וואס האט זי געזאגט יעצט? האט דער ראש ישיבה געפרעגט, ס'איז אזוי ווי מען זאל זאגן "אלע וואס גייען אין בית הכסא און פלאשן אראפ, ווען משיח וועט קומען וועט מען נישט דארפן אראפ פלאשן."

און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, "איך פארשטיי נישט, ווער דארף האר? איך ווייס נישט מיט מיין שכל וואס מיינט שיין, וואס דער אייבערשטער זאגט איז שיין, דאס מיינט שיין. דו ווייסט וואס מיינט גוט? וואס דער אייבערשטער זאגט איז גוט, דאס איז גוט. דו וואלסט געקענט אויסטראכטן אז חתונה האבן קומט אזוי? דער אייבערשטער זאגט אזוי לעבט מען, וועל איך אזוי לעבן. איך ווייס נישט עפעס אנדערש. דו וואלטס געקענט אויסטראכטן אז די בארד שערט מען נישט און די נעגל שערט מען יא? אפשר מאכט מען פארקערט? די בארד שערט מען יא און די נעגל שערט מען נישט? איך ווייס נישט גארנישט, דער אייבערשטער זאגט אז די נעגל שערט מען יעדע ערב שבת און די בארד שערט מען נישט."

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז סאטמאר רבי זי"ע האט נישט געקענט רעדן ברבים וועגן טיכלעך, ווייל ער האט געדארפט רעדן וועגן האר. נישט דא קיין איין ווארט וואס סאטמאר רבי רעדט פון אנטון א טיכל. מוהרא"ש האט אויך נישט געקענט רעדן וועגן דעם, און איך רעד אויך קיינמאל נישט ביי די דרשות פאר די פרויען וועגן א טיכל. איך דארף רעדן וועגן אפשערן די האר, און וועגן צניעות.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינמאל האט סאטמאר רבי זי"ע געבעטן איינעם ער זאל אים צאמנעמען צען נעמען פון פרויען וואס זענען גרייט זיך אנצוטון טיכלעך. יענער איז ארומגעגאנגען צו עלטערע מענטשן, און ער האט זיך געטראפן צען עלטערע פרויען - באבעס וואס ווילן אנטון א טיכל. ער קומט אריין מיט א שמחה צום סאטמאר רבי' זאגן אז ער האט שוין צען נעמען, רופט ער זיך אן צו אים "ברענג מיך צען אינגעלייט וואס זענען גרייט זיך אנצוטון א טיכל, צען שנה ראשונה קאפלס."

ווייל אזוי איז עס, א זאך פון אינגעלייט קען שלאגן ווארצלען אויף ווייטער. אלץ גייט מיט א רייץ איינער פאר א צווייטן, מען מאכט נאך יענעם. פארוואס קויפסטו זיך א נייע טלית בייטל? ווייל יענער האט חתונה געהאט פאריגע חודש און ער האט זיך געקויפט א נייע טלית בייטל. יעדער טאנצט נאך דעם צווייטן.

<<<<

דאס איז געווען מיין חלום, איך האב אזויפיל געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, אפאר יאר צוריק איז עס נישט געווען, ס'איז געווען די פאר עלטערע משפחות וואס זענען געגאנגען מיט א טיכל, אבער ס'איז נישט געווען די רייץ ביי יונגע.

מען קען נישט רעדן ברבים וועגן דעם, אבער דא קען איך רעדן. דער ראש ישיבה האט פארציילט: ווען מען האט געעפנט די ברסלב'ע שטעטל האט אברהם משה הי"ו געזאגט "עס וועט נאך ווערן א גרויסע שטאט דא, עס וועט זיך עפענען נאך און נאך שולן, אבער דא אין שול (וואס איז דעמאלטס געווען ביי זיין בעיסמענט) וועט מען אלץ קענען זאגן וואס דער ראש ישיבה וויל באמת זאגן. דא אין שול וועט מען אלץ קענען זאגן די אמת, מען וועט נישט דארפן ארומפוצן די שיעורים." למעשה איז דארט נישט געבליבן די שול, עס האט זיך אריבערגעצויגן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האף ס'וועט נאך בלייבן כאטש איין שטיבל אין שטעטל וואס דארט וועט מען טאקע קענען זאגן וואס דער ראש ישיבה האלט."

אינמיטן איז איינער פון די קינדער ארויסגעקומען פון בעט זאגן אז ער קען נישט איינשלאפן, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט "ליג אין בעט, מען דארף נישט איינשלאפן." נאכדעם האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, חלק ב', סימן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים," ווער עס קען נישט איינשלאפן, זאל טראכטן פון תחיית המתים. ווייסט וואס תחיית המתים איז? האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט, "מען טראכט אלע זיידעס און עלטער זיידעס אלע גייען ארויסקומען מיט די שטעקענעס... אלע גייען קומען. זיידי און עלטער זיידי, און עלטער עלטער זיידי, אלע גייען קומען. טראכט פון דעם, ווי אזוי עס גייט אויסקוקן."

מען האט געשמועסט וועגן א בריוו אין עצתו אמונה פאר א איד וואס פאסט תעניתים פאר זיין ווייב'ס נשמה, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן "ווען א מענטש גייט מיט די אייגענע שכל איז זייער ביטער."

און דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה: (ירושלמי ברכות כו:) רבי יוסי בר חלפתא איז געפארן אמאל אונטערוועגנס מיט א דרייווער און ס'איז געווארן ביינאכט, אינמיטן האבן זיי געזען א מקוה, א קוואל, זאגט דער דרייווער פאר רבי יוסי בר חלפתא  אז ער מוז אראפטאנצן גיין אין מקוה ווייל ער האט פריער געטון א עבירה. זאגט ער אים רבי יוסי בר חלפתא "גיי נישט אראפ, ס'איז א סכנה, ס'איז בייטאכט, דו קענסט געביסן ווערן דורך א שלאנג." אבער ער האט געזאגט "איך קען נישט איך מוז האבן א מקוה, איך מוז זיך טובל'ען." ער איז טאקע אראפגעגאנגען און זיך געטובל'ט, אבער מער נישט ארויפגעקומען.

מ'זעט דא א מורא'דיגע זאך, אים האט געברענט תשובה, ער האט געטון א עבירה, איך וויל אפילו נישט זאגן וואס ער האט געטון דער אייבערשטער זאל אפהיטן. מיט זיין שכל האט ער געטראכט איך קען מיך יעצט נישטליידן, איך מוז זיך טובל'ען. אבער דער צדיק זאגט אים: "גיי נישט יעצט זיך טובל'ען ווייל ס'איז א סכנה. אבער ער האט נישט געפאלגט, ער איז געגאנגען מיט זיין אייגענע שכל, איז ער נעבעך געשטארבן.

און די צווייטע זאך וואס מען זעט פון דעם איז אז א צדיק האט רחמנות אפילו אויף א בעל עבירה, ער וואלט אים געקענט זאגן "יא גיי אראפ טובל דיך און בלייב דארט ווייל האסט געטון א עבירה." אבער דער צדיק זאגט אים "ניין, גיי נישט יעצט, דאס איז נישט תשובה."

אז מען האט שוין גערעדט וועגן פאסטן האט דער ראש ישיבה פארציילט אז דער ראש ישיבה'ס זיידע קארסלבורגער רב ז"ע האט געפאסט יעדן טאג א גאנץ יאר. ער איז געזיצן א גאנצן טאג אין שול מיט טלית און תפילין, ער האט אויסגעטון טלית און תפילין פארנאכטס, געדאווענט מעריב, און נאכדעם איז ער געגאנגען עפעס עסן.

שפעטער איז ער געווען אביסל שוואך האט ער געפאסט מיט עסן פחות מכשיעור. ער האט געהאט א קאווע און ער האט געטרינקען א שלינג, ער האט געקוקט אויפן זייגער און ער האט אראפגעשריבן וויפיל אזייגער ס'איז און ער האט ווייטער געלערנט. ער האט געווארט ס'זאל דורכגיין צען מינוט אדער מער, נאכדעם האט ער געטרינקען נאך א שלונג. אבער בייטאכט האט ער געגעסן וואס מען האט אים נאר דערלאנגט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: מוהרא"ש האט פארציילט אז ר' מעכל'ע רבי נתן'ס אן אייניקל פלעגט בעטן זיין ווייב זאל אים נישט לייגן צו סאך אין די טעלער ביי די שבת סעודה, ווייל וואס זי גייט נאר לייגן אין טעלער גייט ער אויפעסן, אלעס איז דאך כלו קודש. אבער ער האט נישט קיין כח צו עסן אזוי סאך.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן "יעצט וועט מען זינגען זמירות און דאנקען דעם אייבערשטן." מען האט אנגעפאנגען זינגען זמירות פון מוצאי שבת.

נאך זמירות האט דער ראש ישיבה פארציילט אויף א אינגערמאן וואס איז דארט געזיצן, "איך געדענק ווען ער איז אנגעקומען אלס בחור די ערשטע מאל צו מיין דירה, ער האט נאך נישט דעמאלטס געלערנט אין ברסלב, ער איז געקומען עפעס ברענגען, ער האט געטראפן מיינע צוויי קינדער שלמה מיט אלחנן זיי האבן אים געגעבן די נומער פון די האטליין."

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "עס איז אזוי אינטערעסאנט ווי אזוי א מענטש געבט זיך א טויש, א בחור פאר ער טרעפט דעם רבי'ן איז ער אזוי ליידיג - ער האט גארנישט. אינדרויסן איז די בילד מורא'דיג, אבער ס'איז גארנישט, ס'איז נישט אהער און נישט אהין. ביז ער טרעפט דעם רבי'ן, און ער טוישט זיך אינגאנצן." "איך האלט זייער שטארק פון די ישיבה" האט דער ראש ישיבה געזאגט.

דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אויף א בחור, אז זיין שוואגער האט געזען דעם קרית ברסלב בלעטל, ער האט געליינט 'א שבת טיש מיט'ן ראש ישיבה שליט"א', און ער קען נישט פארשטיין, אזעלכע שטותים דרוקט מען? און עס קאסט נאך געלט אויך? מענטשן צאלן פאר אט די שטותים?!

האט דער ראש ישיבה געפרעגט "פארוואס איז עס שטותים?! וואס איז עס אנדערש פון אלע אנדערע צעטלעך וואס קומען ארויס ווי דער רבי' רעדט מיט יענע רבי? וואס איז עס אנדערש? ווייל ס'איז אין לשון קודש? אויב איך וועל מאכן סעודת שבת מיט'ן ראש ישיבה אין לשון קודש וועט עס נישט זיין קיין שטותים?" האט זיך יענער בחור אנגערופן אז זיין שוואגער זאגט אז דער ראש ישיבה מאכט זיך נאריש ביי די סעודה. האט דער ראש ישיבה געלאכט און אים געזאגט: "און די אלע רבי'ס מאכן זיך נישט נאריש? זאג פאר דיין שוואגער אז ווען דער ראש ישיבה מאכט זיך נאריש איז עס אן עבודה פון ביטול, ס'איז נישט סתם, עס ליגט אין דעם סודות."

מען האט ווייטער געזינגען זמירות, נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה פארציילט: "איינער האט מיר געשריבן די וואך א בריוו, ער הייבט אן די בריוו אזוי; "איך האב אסאך געטראכט אויב איך זאל יא שרייבן אדער איך זאל נישט שרייבן, אבער איך האב באשלאסן אז איך וועל יא שרייבן." ער שרייבט דארט: "זיין זון לערנט אין ישיבה און ער רעדט זיך אפ אז דער ראש ישיבה געבט אים נאר פסקים, און דער ראש ישיבה האלט אים פאר, דער ראש ישיבה געבט אים נישט קיין גוטע ווערטער."

האט דער ראש ישיבה אים צוריקגעשריבן: "איך האב געטראכט אויב איך זאל יא אדער נישט צוריק שרייבן, איך האב אפגעמאכט אז איך שרייב נישט." אבער איך האב אים געהאט וואס צו ענטפערן. ס'איז דאך די גרעסטע ראיה אז דער ראש ישיבה האלט פון דיין זון, אז דער ראש ישיבה וויל נאך עפעס מאכן פון אים. דו שיקסט דיין זון אין ישיבה און וואס ווילסטו דער ראש ישיבה זאל טון מיט אים? אים לאזן קומען ווען ער וויל, גיין ווען ער וויל, און נעלם ווערן ווען ער וויל? פריי זיך אז זיין ראש ישיבה פרעגט אים וואו ביסטו, וואס קומסטו נישט אין ישיבה, קום לערנען.

איינער האט פארציילט פאר דעם ראש ישיבה אז מען האט יעצט אנגעפאנגען ארבעטן אויף א שושן פורים שפיל, און ער האט געפרעגט פון וואס מען זאל רעדן. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל רעדן קעגן טעראפי, חוזק מאכן און אפשפעטן פון טעראפי.

אבער דער אינגערמאן האט נישט פארשטאנען, "דער שפיל איז דאך פאר די מענטשן דא אין ברסלב, פארוואס דארף מען רעדן וועגן טעראפי? יעדער ווייסט שוין אז עס איז נארישקייטן?" האט דער ראש ישיבה אים צוריקגעפרעגט: "פארוואס דארף מען רעדן וועגן דעם דרך הלימוד? פון וואס דען זאל איך רעדן ביי שלש סעודות? אוודאי דארפן אונז רעדן פון דעם." צו וועם האב איך גערעדט ביי סיפורי מעשיות? מן הסתם האסטו געמיינט מען גיי יעצט רעדן צו עפעס א גאסט וואס איז געקומען דא אויף שבת. ניין, איך האב גערעדט צו דיך, און צו ענק אלע. אלץ טראכט מען 'אה 'ער' גייט יעצט הערן, 'יענער אינגערמאן' זאל דאס וויסן; אבער איך רעד צו דיר, עס גייט מיך נישט אן אויב ס'קומט אריין א פרעמדע מענטש אין בית המדרש."

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט וועגן טיכלעך, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך קען נאך נישט רעדן ברבים פון דעם אבער איך מיין מען דארף נישט קיין שכר אויף דעם. אין גן עדן זיצט מען מיט א ווייסע טיכל". "און די וואס גייען מיט שייטלעך?" האט איינער געפרעגט. "אין גן עדן איז נישט דא קיין שייטלעך", האט דער ראש ישיבה געענטפערט. און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך מיין אז מען באקומט נישט קיין שכר אויף דעם, דאס איז שיין." אבער דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט: "די גמרא זאגט מען באקומט שכר אויב מען עסט נישט קיין בלוט, ווער וואלט געגעסן בלוט? איינער וואלט געגעסן פרעש? אבער דאך באקומט מען אויף דעם שכר. פון דא זעט מען אז מען באקומט יא שכר פארן גיין מיט א טיכל."



# קינדער אָפְּטֵיילוּנְג

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט אוּנְז לֶערְנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה?

אוֹיבּ וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיר וֶועט פָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועט אִיר זֶען נֶעבְּן יַבְנְאֵל אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, דִי שְׁטָאט הֵייסְט טְבֶרְיָה.

טְבֶרְיָה אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁטָאט, אוּנְטְן פוּנֶעם שְׁטָאט אִיז דֶער הֶערְלִיכֶער וַואסֶער כִּנֶּרֶת; מִיט לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק אִיז טְבֶרְיָה גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע הוֹיכֶע מוֹיעֶר, פוּן אִינֶעוֵוייִנִיג פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז דֶער שְׁטָאט אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דֶער יַם כִּנֶּרֶת.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה הָאט פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מָארְד; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דִי קְרֶענְק אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט שְׁנֶעל אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי הוֹיז וואו עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם וָואס דִי קְרֶענְק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט.

אַזוֹי לוֹיפְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרָאפְן אַ הֵייל, דֶער הֵייל הָאט גֶעפִירְט בִּיז צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיפְן זֵייעֶר שְׁנֶעל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי מָארְד; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שְׁטָאט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין טִיר אִינֶעם מוֹיעֶר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועןפוּן דִי סַכָּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעווִיסְט אַז דָארְט וואוּ עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם מוֹיעֶר - אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג, עֶס אִיז דָארְט נָאר יַם, נָאר וַואסֶער; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיבְן אוֹיפְן שְׁפִּיץ פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם צְוֵוייטְן זַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעהָאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אוּנְטֶער אִים אִיז דֶער יַם, דֶער וַואסֶער; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעהָאנְגֶען דָארְט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן פִּיס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ, אָבֶער אוֹיבּ וָואלְט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט וָואלְט עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין יַם, צוּרִיק אַרוֹיף קְרִיכְן הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעווִיסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ דָא? הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר אַ וֶועג צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן.




רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ דָא? הֶעלְף מִיר!

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אֱמֶת אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעהָאנְגֶען בַּיים מוֹיעֶר הֶעכֶערְן וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זִיךְ רַאטֶעוֶוען, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַזוֹי הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, מִיר וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אוּנְז - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, מִיר וֶועלְן זֶען יְשׁוּעוֹת.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער 1 מאל



טייערע קינדער אז מיר וועלן פאלגן דעם רבין מיר וועלן רעדן צום אייבערשטן מיר וועלן אים בעטן יעדע זאך וואס מיר דארפן מיר וועלן שמועסן מיט אים דערציילן יעדע זאך וואס שטערט אונז וועט דער אייבערשטער מאכן גרויסע ניסים מיר וועלן זען ישועות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ס | נ | ג | ש | ח | י | ט | ל | ז | ה | ד | ו | פ | מ | מ | ל | נ | ג | ת | מ | נ | י | ג | מ | ט | ח | נ | ט | ג |
| ק | ה | ב | ח | ז | ש | נ | ו | מ | כ | ד | ע | מ | ד | ש | ט | ע | ר | ט | ג | ו | ו | כ | ט | ח | ר | ת | מ | ט | צ |
| ע | ז | ר | א | א | א | ו | ו | כ | פ | ח | י | י | י | ז | ק | ר | ה | ט | מ | ז | ו | נ | ש | ל | ו | ט | ע | י | ד |
| ו | נ | נ | מ | ר | י | מ | ע | ז | ש | א | פ | א | מ | ר | כ | ע | ע | צ | ת | ל | ע | ו | א | נ | י | ס | י | מ | ר |
| ו | ו | א | פ | א | נ | ע | ט | ש | ג | ה | ק | ק | ז | ס | ג | י | ר | ק | ו | ת | ל | ת | ח | ה | ב | ק | ט | ד | ק |
| ע | א | א | ב | ר | כ | ס | ה | ד | מ | ז | ב | ב | ה | ע | ס | י | ו | ר | ג | ש | נ | ז | ד | נ | י | ח | ק | ר | י |
| ל | ק | נ | ס | ז | א | נ | ע | ח | ל | ו | י | ע | ס | ק | ר | ט | ב | ד | כ | ר | ר | ע | נ | ת | ח | ע | ח | ע | ו |
| נ | ז | ע | נ | ו | ז | ד | נ | ת | ג | י | ע | מ | ל | ע | ג | י | ב | ס | י | ס | ר | ד | נ | ת | א | ר | ד | ד | ט |
| ל | א | ס | ו | מ | ע | ק | ה | פ | ל | ק | ג | ס | ט | ר | נ | ר | ד | מ | י | צ | כ | ע | צ | ת | ז | ס | מ | ע | ר |
| ע | כ | ד | כ | י | ק | ו | ש | ר | ק | ו | ג | ש | נ | ת | נ | ה | ב | כ | י | ס | ו | ר | ר | ח | ח | ב | נ | ע | ש |
| ו | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ | י | ר | ז | ר | ל | צ | פ | ט | י | כ | ל | ד | מ | י | ר | ת | מ | ד | פ | ר |
| ו | נ | ע | ד | פ | ק | ר | ס | ר | ט | ע | מ | ע | ע | נ | א | ל | ל | פ | נ | ר | י | מ | ר | ר | ו | נ | ג | ה | פ |
| ר | י | ו | ד | פ | ז | ש | ת | ד | ב | כ | מ | ו | ו | י | ה | נ | א | ש | ק | נ | א | נ | ר | ע | י | ו | ז | ר | א |
| ע | כ | צ | ק | צ | ס | ס | ר | י | י | ל | ו | ק | ס | ע | ק | ח | א | ק | ט | ט | ט | ע | ע | ק | ד | ש | ע | ו | ל |
| פ | צ | א | ב | ו | ז | ט | י | ג | צ | ח | ו | ג | ג | נ | ת | ש | י | ז | צ | ק | ש | ע | ס | ר | א | נ | נ | ל | ג |
| י | ש | ו | ע | ו | ת | א | ק | ס | ז | ת | ב | ו | ה | ק | כ | ט | ת | ש | ט | כ | ר | ס | ב | צ | ת | ז | ד | צ | נ |








העלף נחמן נתן אנקומען צו לערנען די הייליגע ספר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה!



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**יג.** עַל יְדֵי אֱמֶת, הָעוֹלָם נִשְׁמָר מִכָּל הֶזֵּקוֹת.

**טייטש.** דוּרְךְ אֱמֶת, וֶוערְט דִי וֶועלְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע סָארְט שָׁאדְן.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 2 |
| | | | 6 | | |
| | 3 | 1 | | 4 | |
| | | | | | |
| | 4 | | 3 | | |
| | 5 | | | | 6 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4 | | | 3 | 2 | 7 | | | 5 |
| | 1 | 5 | | | | 3 | 2 | |
| 2 | 3 | | 1 | | 8 | | 9 | 6 |
| | | | 8 | | 6 | | | |
| | 4 | 3 | | 1 | | 6 | 8 | |
| | | | 2 | | 4 | | | |
| 1 | 7 | | 6 | | 2 | | 4 | 3 |
| | 8 | 4 | | | | 2 | 6 | |
| 5 | | | 9 | 4 | 3 | | | 8 |



# חידות
### אפטיילונג

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן: ”אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. גיי צו א צדיק
ב. זאג תהילים
ג. איז מען זיך אינגאנצן מבטל
ד. געב צדקה

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** חַז"ל זָאגְן: אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶפֶּעס אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, זָאל עֶר

**ענטפער:** בעטן נאכאמאל

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**יצחק מזרחי נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת תרומה?

## פון ראכטס צו לינקס.

2. ווי גרעסער די מצוה איז, אלץ מער _____ איז דא דאס צו מקיים זיין
3. ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן, באקומט מען א שמחה אין _____ אלע
5. _____ _____ קען אמאל צעקלאפן א קינד אויף זיין גאנץ לעבן
6. באשעפער העלף איך זאל נישט טראכטן קיין איין רגע אפצולאזן דעם _____ _____
9. זיי זיך נישט מבלבל פון קיינעם, וועט דיר קיינער גארנישט _____ _____
10. וואס מער פארשפרייטן די ספרים און קונטרסים פון _____, ליכטיג מאכן אנדערע שטיבער
13. _____ געבט כח צו בלייבן שטארק
14. ווי מער מען נעמט אריין אין זיך אמונה, שפירט מען זיך _____
16. מען דארף דערציילן פאר'ן אייבערשטן דעם גאנצן _____, ווער בין איך
18. אין דעם זכות פון טון פאר די _____, וועסטו האבן גרויס שפע
19. דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר, _____ מיר

## פון אויבן אראפ.

1. עס איז גאר אנדערש די גאנצע לעבן ווען מען איז זיך _____
4. _____ איז די הכרת הטוב וואס מיר קענען ארויס ווייזן פארן רבי'ן
7. יעצט איז צוגעקומען נאך א חדר אין _____
8. אדל האט געוואוסט אז יעדע _____ פון א צדיק האט א באדייט
9. גיי אין א ווינקל, און רעד צום אייבערשטן אויף דיין _____
11. ווער עס האט אינזין דעם _____, דעם קען מען גארנישט טון
12. אז עפעס גייט אייך נישט גוט, זאלט איר זאגן _____ _____ _____
15. אין שטוב איז נישט מעגליך צו לעבן א זיסע לעבן נאר מיט די _____ פון צדיק
17. מיט א _____ איז דאך אזוי גוט און געשמאק



# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער

## פורים ביי מוהרא"ש אין די ס' יארן






ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

FOR ALL YOUR INSURANCE NEEDS CALL THE INSURANCE EXPERT

YISROEL SHULEM ZELKOWITZ

845-407-2614

---

## Buy & Save - שטעטל באזאר

גרויסע אויסוואל פון שיינע פורים קאסטיומס קומטס אריבער און איבערצייגט אייך אליין.

אויך קענט איר אריבערברענגען אייערע פורים קאסטיומס וואס איז אין א גוטע קאנדישן.

**משנכנס אדר מרבין בשמחה**

---

## ארבעטס פארמיטלונג

זיכט איר ארבעט, אדער זיכט איר א ארבעטער?

רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט אריין 845-637-5367

---

## KB Fish

חשובע איינוואוינער! מיר זענען דא אייך צו סערווירן מיט פיינע פרישע פיש יעדן שבת קודש, באשטעלט אייער ארדער ביז דינסטאג נאכט, מען דעליווערט יעדן מיטוואך אינדערפרי.

רופט יעצט 845-213-9723

---

## אפיסעס צו פארדינגען

עס איז יעצט דא אפאר אפיסעס אוועילעבל צו פארדינגען אינמיטן שטעטל, פאראינטערסירטע רופט אריין אברהם אלי' פרידריך.

646-938-2503

---

אויב האט איר אוועקצוגעבן קאך טיש מיט בענקלעך אדער דיינונג רום טיש מיט בענקלעך, און קינדער בעטן.

רופט אונז 718-306-2448

---

אייער פריינד דודי לאקס

רופט

718-938-8605

D&S APPLIANCES

---

## מוסדות היכל הקודש

צו אויסליידיגן אייער פושקע אדער באקומען א נייע פושקע

**רופט שלמה יאקאבאוויטש**

845-637-5367

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

## KB Health Food

For all your vitamin needs
Fresh sourdough Challah and Heimishe Dips every week
Fresh Juices and Smoothies
Call/Text: Zussman 845-293-0418

## KB Shuttle

Shuttle times pick ups:
t 10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way
Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available
Membership available.
Get latest updates by joining our text group.
For more info and for any questions call or text.

## Are you looking for a private comfortable stay in Shtetel

Nice one bedroom suite with kitchen and appliances, (with or with out food)
Right next to Marx shull
To book TEXT: 347-461-2244

LOOKING FOR A SFURIM BINDER.

PLEASE TEXT
MENACHEM STEINBERG

347-461-2244

KB PLUMBING
Done faster. Done right. (347) 831-6209

## סקוטער גמ"ח

אויב דארפט איר האבן א סקוטער אין פאל וואס איר קענט נישט גיין מיט די פיס חס ושלום.

רופט משפחת לאקס
845-747-9382

## טיש און בענקלעך גמ"ח

אויב דארפט איר האבן טיש און בענקלעך פאר א שמחה און דאס גלייכן.

רופט משפחת פינטער
347-415-2888

# בילדער
## אפטיילונג





דער מלמד אין שטעטל ר' יוסף שניטצלער הי"ו ווייזט פאר די קינדער אז אידן זענען אזוויו אויל וואס האלט זיך שטענדיג אויבן




עצתו אמונה צו באקומען ביים בית המדרש מחזיקי הדת אין מאנטשעסטער



הנחת תפילין פאר הבחור ישעי' נ"י בן ר' אברהם משה שטראססער שליט"א מנהל המוסדות - דינסטאג תרומה



לחיים אין שטעטל פאר הבחור ישעי' שטראססער נ"י





פשוטע בר מצוה אין ישיבה פאר הבחור ישעי' נ"י בן ר' אברהם משה שטראססער שליט"א מנהל המוסדות - דינסטאג תרומה

בס"ד

# א דערהויבנקייט




# ווי ביים סדר

פאלגט נאך...